# להתען באהבתך וביראתך

יצא לאור ע"י כיתה גבוה דת"ת "תורה ויראה" דרב"י ד'סאטמאר לאנדאן יצ"ו

מיסודו של כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

פרשת וירא תשע"א לפ"ק

גליון מג' שנה ב'

סוזק"ש 98:35


## תורת אמת

**והוא יושב פתח האהל.**
אברהם אבינו האט זוכה געווען אז השי"ת זאל זיך צו אים באווייזן ווייל והוא יושב פתח האוהל אברהם אבינו האט זיך שטענדיג געהאלטן אז ער זיצט נאר ביי די שוועל ער איז גארנישט און די אויבערשטער באווייזט זיך אייביג צו דער וואס האלט זיך קליין ווי די פסוק זאגט "אשכון את דקא" וועגן דעם האט זיך דער אויבערשטער באוויזן צו אברהם אבינו.
ר' משה מפשווארסק זצ"ל
(משה בר"א לאנגבערג)

**כחום היום.**
צדיקים זענען אזוי ווי די זון אפילו וואס זי איז גאר ווייט מיט דעם אלעמען ווארעמט זי אן דא אונטען די גאנצע וועלט. דאס זעלבע מיט די צדיקים, אפילו וואס זיי זענען דא אונטן אויף די וועלט שיינט זייער שיין און זייער השפעה דערגרייכט ביז אויף יענער וועלט.
נועם אלימלך
(יוסף דוב סאלינסקי)

**והוא עומד עליהם תחת העץ.**
צו דער מצוה פון הכנסת אורחים געהערט אויך אז דער בעל הבית זאל זיך נישט פירן העכער ווי דער מדריגה פון א אורח, כדי דער אורח זאל זיך פילן היימיש, ווי באוואוסט הייסט א צדיק "הולך" ווייל ער גייט און שטייגט וואס אמאל אלץ העכער דערקעגן א מלאך הייסט א "עומד" ווייל ער שטייט שטענדיג אויף איין מדריגה דעריבער ווען די מלאכים זענען געקומען צו אברהם'ען האט ער נישט געוואלט זיין אין א העכערער מדרגה פון די מלאכים, און ער האט זיך פארקליידעט אין זייער מדריגה "והוא עומד עליהם" ער איז געווארן אן "עומד" ער איז געשטאנען גלייך מיט זיי, צוליב זיי.
קדושת לוי
(יואל מאיר הכהן מאטיאש)

**ויאמר אברהם אנכי אשבע (כא. כד.)**
דער דין איז אז א איד טאר נישט מאכן שותפות מיט א גוי ווייל טאמער וועט בשעת'ן שותפות פארקומען צווישן זיי עפעס א סכסוך, צוליב וועלכע זיי וועלן דארפן אנקומען צום געריכט און דער גוי וועט אויפגעפאדערט ווערן אפצוגעבן א שבועה און נאמען פון עבודה זרה, וועט דער איד, דערמיט גורם זיין צו א איסור פון "ונשך אלקים אחרים לא תזכירו ולא ישמע על פיך".
וויאזוי האט אברהם געמעגט שליסן א בונד פון פריינד שאפט מיט אבימלך? דערפאר איז דער פסוק מדייק: "ויאמר אברהם אנכי אשבע", אברהם האט זיך אויסגענומען מיט אבימלך'ן אז אויב עס וועט אויסברעכן סיי וועלכע סכסוך צווישן זיי, זאל ער, אברהם שווערן און נישט אבימלך.
רבי לייביש חריף זצ"ל
(משה וויינבערגער)

**ויאמר יצחק אל אברהם אביו ויאמר אבי ויאמר הנני בני ויאמר הנה האש והעצים ואיה השה לעולה.**
מ'קען מפרש זיין די פסוק לויט די הלכה אז א אונן איז פסול צו טוהן די עבודה זאגט יצחק אזוי: ויאמר אבי – ביסט דאך מיין טאטע, ויאמר הנני בני – איך בין דאך דיין קינד און אויב דו גייסט מיך שחט'ן וועסטו דאך זיין אן אונן און זיין פסול פאר די עבודה ווייל איך זעה דאך אז – הנה האש ועצים, אז דו ווילסט מיר שחט'ן נאר מוז זיין אז דו גייסט מיך נישט מקריב זיין נאר א אנדערע קרבן אויב אזוי ואיה השה לעולה?
(אלי' בערקעוויטש)
(חנוכת התורה)

**ויעקד את יצחק בנו וישם אותו על המזבח.**
פון פסוק זעט אויס אז קודם האט ער אים געבינדן און נאכדעם ארויפגעלייגט אויפן מזבח, פארוואס האט דאס אויסגעפעלט ס'איז דאך געווען נאכ'ן ארויפלייגן צייט צו בינדן?
נאר אברהם אבינו האט געהאט א פראבלעם אז ער האט אויך א מצוה פון ארויפלייגן יצחק אויפן מזבח און מיר ווייסן אז ס'איז דא א הלכה "הכי נושא את עצמו" א לעבעדיגע טראגט זיך אליין און עס ווערט נישט באטראכט אזוי ווי ער מ'האט אים ארויפגעלייגט, דעריבער האט ער אים ערשט געבינדן וואס דאן גייט נישט דער כלל פון החי נושא את עמצו אזוי וועט ער קענען מקיים די מצוה פון "והעלהו".
מהרי"ל דיסקין זצ"ל
(משה בן ר' אלי מרדכי לאנגבערג)

**כי ירא אלקים אתה.**
פון היינט און ווייטער וועט דער מדת הדין זיך פארכטן פון דיר, דו וועסט דערויף געוועלטיגן. דאס זאגט דער פסוק כי ירא אלוקים, דער מדת הדין וואס ווערט אנגערופן אלוקים וועט פון דיר מורא האבן.
מגדל דוד
(יואל מאיר הכהן מאטיאש)

**ככוכבי השמים וכחול.**
די אידן האבן אין זיך א נאטור אז אפילו ווען זיי זענען באמת ככוכבי השמים, זיי זענען גאר הויך, דאך וכחול האלטן זיי זיך קליין אזוי ווי זאמד.
תפארת שלמה
(יוסף דוב סאלינסקי)

## למען תספר

א תמימות'דיגע דארפסמאן האט זיך אמאל אויסגערעדט פאר א גוויסע צדיק, "פארוואס ווען א איד פון שטאט קומט אין דארף איז מען אים מכבד, און ווען א דארפסמאן קומט אין שטאט קוקט מען ניט אמאל אין זיין זייט?
"דאס איז שוין אן אלטער פראבלעם" האט דער צדיק געענטפערט א שמייכלדיגע "ווען די מלאכים זענען געקומען פון יענער וועלט וואס ווערט באטראכט ווי א שטאט צו דער וועלט וואס איז אזוי ווי א דארף האבן זיי באקומען א ווארעמע אויפנאמע ביי אברהם אבינו אבער ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל "לחם לא אכלתי ומים לא שתיתי" ער האט גארנישט באקומען.
(אלי' בערקעוויטש)

**ויהי אלוקים את הנער ויגדל... ויהי חובה קשת**
ווען הרה"ק ר' יעקב דוד מאמשינוב זצ"ל איז געווען אין די גרויסע שטאט ווארשא, האט ער זיך אנטזאגט צו גיין באזוכן א געוויסע גרויסע תלמיד חכם וועלכע איז צו די זייט אויך געווען א גרויסע בעל גאוה און ער האט פארמאגט עטוואס מער פון די שמיני שבשמינית.
אויף די פראגע פארוואס ער וויל נישט גיין, סוף כל סוף זעט מען אז ער האט הצלחה און תורה און אין עשירות, האט ער אנגעוויזן אז אויף ישמעאל שטייט אויך "ויהי אלוקים את הנער" דערנעבן שטייט "ויגדל" ער האט זיך גרויסגעהאלטן. וואס איז געווארן צום סוף? "ויהי כובה קשת" ער האט געשאסן פיילן.
(משה בן ר' אלי' מרדכי לאנגבערג)

## משל ומליצה

**והוא ישב פתח האוהל.**
פארוואס עפעס האט זיך דער אויבערשטער באוויזן אין די וואוינארט פון ממרא א כנעני? נאר מ'קען דאס פארשטיין מיט א משל:
א געוויסע איד האט גדונגען א קרעטשמער פון א פריץ אן אנדערע איד וועלכע האט אים נישט פארגינען איז געלאפן צום פריץ און פראבירט אויסצוקאפן די קרעטשמע דער פריץ האט אים געענטפערט, דו שעמסט זיך נישט אויסצוכאפן דיין ברודער'ס פרנסה?
איז ער געלאפן צו זיין רב דערציילן וואס איז יעצט געשעהן זאגנדיג ממילא אז דער יצר הרע איז געקומען צו מיר פארשטיי איך נאך אבער ווי קומט דער יצר טוב צום פריץ?
דער רב האט אים געענטפערט, "זאג נאר, ווען איז דער יצר הרע געקומען צו דיר מיט די שלעכטע עצה"? "אינמיטן שמונה עשרה" האט דער איד געענטפערט זעסט דאך שוין האט דער רב געענטפערט "אזוי ווי דער יצר הרע האט די חוצפה זיך ארייננצומישן און דיין שמו"ע האט זיך דער י"ט אויך אנגערגארטלט מיט שטאלצקייט און איז געגאנגען צום פריץ.
יעצט פארשטייט מען שוין זייער גוט דער אויבערשטער איז געגאנגען אין די פלוין פון ממרא, ווייל והוא – דער יצר הרע – יושב פתח האהל האט זיך געזעצט נעבן בהמ"ד אויב דער שטן זיצט נעבן בהמ"ד, גייט דער שכינה צום וואוינארט פון ממרא אפילו ער איז געווען א גוי.
(אלי' בערקעוויטש)
(תולדות יעקב יוסף)

**הגליון הזה נתנדב**
ע"י האברך החשוב מוה"ר **יעקב לאנדא** שליט"א
לרגל הכנסת בנו הבחור החשוב **משה** נ"י
**לעול התורה והמצוות**
יהי רצון שיעלה מעלה מעלה על דרך התורה והמצוות
כרצון הוריו ומוריו ויתענגו ממנו רב נחת אמן.